**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שטעלט ארויס ערשטע פאזע פון עמפייר AI, טרייבענדיג קריטישע פארש פאר די גוטס פון די פובליק נאר זעקס מאנאטן נאך פיסקאלע יאר 25 בודשעט

***ניו יארק איז ערשטע אין די פאלק אוועקצושטעלן א טוץ פון פובליק און פריוואטע פארש אינסטיטוציעס פאראויסשטעלענדיג AI פארש פאר די גוטס פון די פובליק אויף דעם מאס***

***גרויסע פילאנטראפישע קאנטריבוציע פון סיימאנס פאונדעישען ערלויבט פארשער צו באלד אנהייבן און שטעלט צו טייל פון די שטערקסטע קאמפיוטינג קראפט אין די פאראייניגטע שטאטן***

***פירענדע סופערקאמפיוטער עקספערט דאקטאר ראבערט הערויסאן אויפגענומען אלץ עמפיי עיי איי ציטווייליגע דירעקטאר; ערשטע בארד פון גאווערנער'ס ארויסגעשטעלט צו פארזיכערן שטארקער פירערשאפט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן ניו יארק'ס ערשטע-אין-די-פאלק עמפפיר עיי איי (Empire AI) קאנסטארטיום ווערט אנהייב פארש דעם הערבסט, נאר זעקס מאנאטן נאך וואס עס איז אריינגערעכנט געווארן אין די פיסקאלע יאר 25 אויסגעשטעלטע בודשעט. די סיימאנס פאונדעישען האט געמאכט א פילאנטראפישע קאנטריבוציע פון ערשטע קאמפיוטינג קראפט און עקספערט איינגעשטעלטע, ערלויבענדיג עמפייר עיי איי זיך פאראויס צו ריקן אין זייער פארש. פלאצירט אין די יוניווערזיטעט פון באפעלא, די ערשטע פאזע פון עמפייר עיי איי רעפריזענטירט טייל פון די מערסט קרעפטיגע קאמפיוטינג קראפט אין די פאלק. אין נאמען פון די קאנסטראיטום, די יניווערזיטעט אין באפעלא האט אויך אויסגעשטעלט א פארלאנג פאר פארשלאגן צו פאראויסריקן די פערמענאנטע היים פון די פולע-מאס סטעיט-פון-די-ארט ארטיפישעל אינטעליגענץ קאמפיוטינג צענטער.

"ניו יארק טוט שרייבן די קומעדיגע קאפיטל פון מענטשליכע היסטאריע מיט אונזער היסטארישע עמפייר עיי איי איניציאטיוון - לייגענדיג אינאוואציע, פארש און טעכנעלאגיע ביי די אויבן אן פון אונזער אינוועסטירונגען," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "עמפייר עי איי איז צענטריט אין די פובליק אינטרעסע, און די שריט ברענגט אונז נענטער צו נוצן די טעכנעלאגיע צו אויפארעמען א בעסערע צוקונפט פאר ניו יארקער."

עמפייר עי איי קאנסארטיום מיטגלידער וועלן אויסנוצן די ערשטע פארש קאפאציטעט, אנהייבענדיג דעם הערבסט, צו פאראויס ריקן פארש געצילט צו אדרעסירן הויפט געזעלשאפט פראגלעמען פאר די גוטס פון די פובליק. די באמיהונגען וועלן פאקוסירן אויף קריטישע ערטער ווי קלימאט טויש און שטאנדהאפטיגקייט, געזונטהייט אומגלייכקייטן און אינטערווענונגען, פארשנעלערן דראג אויפטרעף, דעמאקראיעזירן עדיוקאציע פאר אלע פאפיולאצעס, און באקעמפן די גלאבאלע עסן אומזיכערהייט און שטעלטיכע ארומקייט.

עיי איי און די הויעך-אויפירונג קאמפיוטינג צוגעשטעלט דורך עמפייער AI, וועט שפילן א הויפט ראלע אין לייזן אנדערע קאמפלעקס פראבלעמען, אריינגערעכנט שטאנדהאפטיגקייטע ענערגיע לעזונגען, סייבערסעקיוריטי דראואונגען, פאראויסריקן העלט קעיר דייאגנאסירונגען, גלייכע עקאנמישע אנטוויקלונגען, און אפטימיזירן אינפראסטרוקטאר פאר סמארט שטעט.

די גאווערנער האט אויך געמאלדן אז סטאני ברוק יוניווערזיטעט'ס דאקטאר ראבערט דש. העריסאן איז אויפגענומען געווארן אלץ צייטווייליגע עקזעקעטיווע דירעקטאר צו פירן די קאנסורטיום, ווען א נאציאנאלע זוכעריי ווערט דורכגעפירט פאר די קאנסורטיום'ס ערשטע פערמענטע פירער. פראפעסאר ראבערט העריסאן איז די גרינדער דירעקטאר פון די אינסטיטוטיע פאר פארגעשריטענע קאמפיוטער וויסענשאפט ביי די סטאני ברוק יוניווערזיטעט, וועלכע איז געגרינדעט געווארן אין 2012 מיט א געשאנק פון דשים און מערילין סימאנס. דורך זיין פירערשאפט, די אינסטיטוטיע האט עררייכט אינטערנאציאנאלע אנערקענונג אלץ א האב פאר עי איי און קומפיטער-ערמעגליכטע מולטידיסיפלינערי פארש. זיין לאנגע קאריערער ביי די פראנטעירס פון וויסענשאפט און הויעך-פערפארמירענדע קאמפיוטינג האט געשפאנט אקאדעמיע און א טוץ פאראייניגע שטאטן דיפארטמענט פון ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריעס אריינגערעכנט ברוקהעווען נאציאנאלע לאבארעטאריע דא אין ניו יארק, אויף לאנג איילענד, און אועק רידש נאציאנאלע לאבאראטאריע, טענעסי, יעצטיגע היים פון די וועלט'ס שנעלסטע אופענע-וויסענשאפט קאמפיוטער

גאווערנער האקול האט אויך געמאלדן אם עמפייר עי איי בארד פון דירעקטארן וועלכע וועט אריינרעכענען פארשטייער פון די סטעיט און פון די קאנסארטיום העכערע עדוקאציע מיטארבעטער - די סיטי יוניווערזיטעט פון ניו יארק, קאלאמביע אוניווערזיטעט, קארנעל אוניווערזיטעט, ניו יארק אוניווערזיטעט, רענסעליער פאליטעקניק אינסטיטוט און די סטעיט אוניווערזיטעט פון ניו יארק.

אין צוגאב, די עמפייר עי איי קאנסארטיום איז געווארן פארמאל אינקארפאריט אלץ א ניו יארק נישט-פאר-פראפיט קארפאראציע און האט גענומען קריטישע שריט צו פארזיכערן שטארקע פירערשאפט און פאראנטווארטליכקייט, אריינגערעכנט אויפנעמען ביי-געזעצן און שליסל פאליסיס. די קאמפיוטינג קאפאציטעט צוגעשטעלט דורך סימאנס פאונדעישען וועט צושטעלן פאר פארשער אין די קאנסורטיום די געלעגענהייט אנצוהייבן פארש גלייך ווען די גרעסערע פאציליטעט ווערט געבויט.

**סימאנס פאונדעישען פרעזידענט דעוויד ספערגעל האט געזאגט,** "די סימאנס פאונדעישען איז גאר פריילעך צו שטיצן די גאווערנער'ס באמיהונגען צו פארשטערקערן ניו יארק אלץ א צענטער פאר קאמפיוטעישענעל וויסענשאפט. די וואך, די נאבעל פרייזען אין סיי כעמיע און פיזיקס זענען געשאנקען געווארן צו עי איי פארשער. עמפייר עי איי וועט ערמעגליכען ניו יארק סטעיט פארשער און סטודענטן צו זיין די אינאווירער וועלכע וועלן שאפן די קומעדיגע גרויסע געדאנקען אין וויסענשאפט און טעכנעלאגיע."

**SUNY טשענסלאר דזשאן ב. קינג, דזשוניער האט זאגט,** "עמפייר עי איי טוט פארזיכערן ניו יארק סטעיט'ס פירערשאפט אין עי איי פאר די פובליק גוטס, און SUNY יוניווערזיטעיט ביי אלבעני, בינגהעמטאן יוניווערזיטעט, יוניווערזיטעט ביי באפעלא און סטאני ברוק יוניווערזיטעט זענען שטאלץ צו קומען צוזאמען צו טרייבן פארש און אינאוואציע צוזאמען מיט אנדערע פירענדע ניו יארק סטעיט אינסטיטיוטס. אונז אפלאודירן גאווערנער האקול, און אונז זענען דאנקבאר פאר די גענעטליכקייט און פארפליכטונג פון די סימאנס פאונדעישען, טאם סעקונדא, די גאנצע פארד פון דירעקטארן און די פארשער און איינגעשטעלטע איבער SUNY און הויכע עדוקאציע."

**CUNY טשענסעלאר פעליקס וו. מאטוס האט געזאגט,** "גאווערנער האקול האט אוועקגעשטעלט ניו יארק אלץ א נאציאנאלע פאן טרעגער פאר די פאראנטליכע אנטוויקלונג פון עי איי טעכנעלאגיע און דורך איר ברייטהארציגע שטיצע, די סימאנס פאונדעישען האט עס ערמעגליכט פאר די עמפייר עי איי קאנסארטיום צו שנעל אוועקשטעלן א סאלידע גרונדט און פירערשאפט סטרוקטור. CUNY איז שטאלץ

צוצוגעבן פארש געניטשאפט צו ניו יארק סטעיט'ס וועג אויספארעמער עמפייר עי איי קאנסארטיום, וועלכע וועט אויסנוצן די מאגניפישע פאטענצאל פון די קאמפיוטעישענעל וויסענשאפט צו דינען פארוואנטליך און אייניג די פובליק גוטס."

**בלומבערג LP מיטגרינדער טאם סעקונדא האט געזאגט,** "אינטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, עמפייר עי איי האט אוועקגעשטעלט ניו יארק אלץ די נאציאנאלע פירער אין עי איי אינאוואציע דורך צושטעלן די ווירקפולע געצייג, געוועגדליך רעזערווירט פאר נאר די גרעסטע טעכנעלאגיע קאמפעניס, צו אונזער פארש אינסטיטוטיע און זייער טיעמס. די ריזיגע נדבה פון די סימאנס פאונדעישען וועט ערלויבן באאמטע פון אלע די עמפייר עי איי קאנסטארטיום מיטגלידער אנצוהייבן זייער פארש פאראויס פון ערווארטעט און אנהייבן אויסנוצן די מאכט פון עי איי פאר פובליק גוטס. עמפייר עי איי וועט נישט נאר פארשנעלערן טרעפונגען נאר שאפן נייע סארטן טרעפונגען, און יעצט אז אקאדעמישע אינסטיטוטיעס האבן דעם פארשפרינג, אונז זענען אזויפיל נענטער צו די קומעדיגע וויסענשאפטליכע דורברוך. אונז זענען דאנקבאר צו אלע אינסטיטוטיעס וועלכע נעמען אנטייל פאר זייער וויליגקייט צו נאכאנאנד פארפיכטן סיגניפשע צייט און רעסארסן צו דעם פראיעקט, און אונז זענען פריילעך צו באגריסן דאקטאר העריסאן צו דעם באמיהונג."

**סטאני ברוק יוניווערזיטעט פראפעסאר און עמפייר עי איי צייטווייליגע עקזעקעטיווע דירעקטאר דאקטאר ראבערט העריסאן האט געזאגט,** "עס איז א פריווילעגיע און זייער עקסטאזפול צו ווערן א טייל פון עמפייר עי איי ביי דעם פארמאטיווע מאמענט. די גאווערנער'ס היסטארישע אינוועסטירונג אין עמפייר עי איי וועט טראנספארמירן פארש און אינאוואציע איבער ניו יארק סטעיט. עס געט פאר אונזער פארשער צוטריט צו הויך-פערפארמירענדע קאמפיוטער טעכנעלאגיע ביי א מאס געוועגדליך רעזערווירט פאר נאר די גרעסטע טעכנעלאגיע קאמפעניס אדער פעלקער, אוועקשטעלענדיג ניו יארק סטעיט צו נעמען די נאציאנאלע פירערשאפט אויף עי איי-ערמעגליכטע וויסענשאפטליכע טרעפונגען און ענדשענירינג דיזיין."

**יוניווערזיטעט ביי באפעלא פרעזידענט סאטיש ק. טריפעטי האט געזאגט,** "צוליב גאווערנער האקול'ס וויזיאנארישע פירערשאפט, די ברייטהארציגקייט פון די סימאנס פאונדעישען, און די שטיצע פון ד יסטעיט לעגיסלאציע, NYS האט יעצט די קאמפיוטינג קראפט געדארפט צו פאראויסריקן ארטיפישעל אינטעלידשענס פארש. עמפייר עי איי וועט לייגן NYS ביי די עפיצענטער פון עי איי אינאוואציע. די שפיל טוישענדער איניציאטיוו וועט ערלויבן פארשער איסער די קאנסארטיום צו נוצן די מאכט פון עי איי צו לעזן טייל פון אונזער וועלט'ס מערסט באזארגענדע פראבלעמען. UB איז זייער שטאלץ צו זיין די היים פון עמפייר AI."

**קארנעל יוניווערזיטעט צייטווייליגע פרעזידענט מייקעל קאטליקאף האט געזאגט,** "קארנעל אפלאודירט די פארזיכט פון די סימאנס פאונדעישען אין ברענגען די 'ערשטע ליכטיגקייט' צו עמפייר עי איי און אקאדעמישע פארשער אין ניו יארק סטעיט, ווי גאווערנער האקול געקעמפט פאר. אונז קוקן ארויס צו די פארש צאמארבעטאיבער קארנעל און די אנדערע אקאדעמישע און פארש אינסטיטוטיעס וועלכע טרייבן עי איי פארש קאמפיוטינג פאראויס פאר די גרעסטע גוטס פון טרעפונגען און איבערטייטשן צו געזעלשאפט."

**NYU פרעזידענט לינדא דשי. מילס האט געזאגט,** "ניו יארק יוניווערזיטעט איז סיי פריילעך פון די געלעגענהייט צוגעשטעלט דורך עמפפיר עי איי און שטאלץ צו ארבעטן צוזאמען מיט ניו יארק'ס אינסטיטוטיעס פון הויכע בילדונג צו טרייבן פארשריט אין עי איי און הויכע-פערפארמענס קאמפיוטינג וועלכע וועט בענעפיטירן סיי וויסענשאפטליכע טרעפונגען און העלפן ניו יארק בלייבן א דעסטינאציע פון שניידענדיגע טעכנעלאגיע. אונז דאנקן גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע פירערשאפט אויף דעם טעמע און פאר די שטיצע פון אונזער מיטארבעטער ביי די סימאנס פאונדעישען."

**רענסעלאער פאליטעקניק אינסטיטוטיע פרעזידענט מארטין א. שמידט האט געזאגט,** "RPI קאמענדירט גאווערנער האקול פארפליכטונג צו אוועקשטעלן ניו יארק אלץ א פירער אין אויסנוצן די מאכט פון עיי איי פאר די בענעפיטירונג פון אלע. מיט די גאווערנער'ס וועג אויספארמער וויזיע און די ברייטהארציגע שטיצע און צוזאמארבעט פון אונזער מיטארבעטער, אונז זענען פריילעך זיך ארויסצולאזן אויף די קומעדיגע פאזע פון עמפייר עי איי צו פארשנעלערן קריטישע פארש און אינאוואציע."

**קארנעל טעק דשעק און ריל ניאפסי דיען און וויצע פרעזידענט פראוואסט גרעג מאריסעט האט געזאגט,** "די עמפייר עי איי קאנסארטיום טוט אדרעסירן א וויכטיגע נויט: יוניווערזיטעט פארשער דארפן צוטריט צו מאדערנער קאמפיוטער מאשיענען פאר צוויי סיבות: צום ערשט, די סארט פארש וועט יעצט אויפדעקן נייע געלעגענהייטן פאר עיי איי צו העלפן לעזן גרויסע שוועריגקייטן א שטייגער ווי צוגענגליכע און גלייכע העלטקעיר און קלימאט צופאסונג אין די צוקונפט. צווייטנס, די סארט פארש געמיינדע איז פארפליכטעט צו אדורך טוהן די באגרענצען, טעכנעלאיעס און פאליסיס געדארפט צו פארזיכערן אז עי איי דינט די פובליק אינטערעסע מיט געטרוי."

**קאלאמביע יוניווערזיטעט עקזעקעטיווע וויצע פרעזידענט פאר פארש און פראפעסאר פון קאמפיוטער וויסענשאפט דשינעט מ. ווינג האט געזאגט,** "די קאלאמביע פארש געמיינדע איז גאר פריילעך צו האבן צוטריט צו די קאמפיוטעישענעל מאכט פון עמפייר עי איי, מיט פריער ענטוזיאזום ארויסגעדריקט דורך פארשער וועלכע אנטוויקלן שניידענדיגע עי איי טעכניקען צו פארשער וועלכע נוצן עי איי צו פארשטיין די מח, מאדעלן די ערד אדער זיך שלאגן מיט מיסאינפארמאציע. גאווערנער האקול'ס פירערשאפט צאמגעשטעלט מיט אלע די ארבעט פון עמפייר עי איי מיטגלידער אינסטיטוטיעס שטעלן די וויסענשאפטלליכע און עטישע גרונדט פון עי איי פאר גענעראציעס צו קומען."

**אסעמבלימעמבער סטיוו אטיס האט געזאגט,** "די פינאנציעלע פארפליכטונג פון די גאווערנער און די לעגיסלאטור האט שוין געווירקט אין א פארברייטערטע פריוואטע סעקטאר אינוועסטירונגען אין הויכע-טעק פראדוצירונג אין עי איי געטריבן דורך SUNY און די עפייר עי איי קאנסארטיום. אונזער קאמיטע האט באזוכט UB דעם זומער זיך צו טרעפן מיט שליסל פילער אויף די SUNY טיעם וועלכע פירט די עמפייר אי איי קאנסארטיום. די ארבעט פון גאווערנער האקול און טשענסעלאר קינג שטעלן צו א מאפע פאר ווייטערדיגע עקאנאמישע סוקסען פאר ניו יארק. אונזער פירערשאפט אין טעכנעלאגיע און אינאוואציע וועט ברענגן דשאבס און נייע ביזנעס שותפים צו וואקסן אונזער עקאנאמיע."

**טעק:NYC פרעזידענט און CEO דשולי סעמיועלס האט געזאגט,** "א דאנק גאווערנער האוקול'ס פירערשאפטאון די ברייטהארציגע געשאנק פון די סימאנס פאונדעישען, אמפייר עי איי שטייט שוין און אפערירט מאנטאן פאראויס פון סקעדשיול, עלויבענדיג קאנסארטיום מיטגלידער צו שנעל נאכגיין זייער גרונדברעכענע ריסערטש און אנהייבן נוצן ארטיפישעל אינטעליגענץ פאר די מוביק גוטס נאך שנעלער. ניו יארק איז שוין ביי אויבן אן פון אנטוויקלן עיי איי צו לעזן געזעלשאפט'ס פראבלעמען - יעצט, די פריע ארויסשטעלונג פון עמפייר עי איי וועט שאפן געלעגנהייטן צו פארשנעלערן אויסטרעפונג און שטיפן די ענוועלאופ נאך ווייטער. צוזאמען, צוזאמען מיט פובליק און פריוואטע אינסטיטוטיעס, אונז קוקן ארויס צו פאראויס שטיפן זיכערע, אייניגע און צוטריטליכע עי איי און אנטוויקלונג, און צעמענטירן ניו יארק אלץ א פירער אין פארוואנטיכע עי איי."

**פארברייטערן ארטיפישעל אינטעלידזשענס לענגאויס ניו יאָרק סטעיט**
צוטריט צו די קאמפיוטער אינפראסטרוקטור וואס איז נויטיג צו קענען לויפן AI סיסטעמען זענען אומגעהויער טייער און שווער צו פארשאפן. די מיטלען ווערן מער און מער קאנצענטרירט אין די הענט פון גרויסע טעכנאלאגיע פירמעס וועלכע האלטן אן אין זייערע הענט אן איבערגעטריבענע קאנטראל אויף די גאנצע AI דעוועלאפּמענט פעלד. אלס רעזולטאט, ווערן שטודירער, פאבליק אינטערעסע

ארגאנאזאציעס, און קליינע פירמעס איבערגעלאזט, וואס האט גרויסע שאדנס פאר AI זיכערהייט און די געזעלשאפט בכלל. Empire AI וועט פארמאכן די לאך און פארשנעלערן די אנטוויקלונג פון AI וואס איז צענטערירט ארום די טובה פון די פובליקום פאר ניו יארק סטעיט. דאס ערמעגליכן די פיאנירנדע AI פארשונג און אנטוויקלונג וועט אויך העלפן בילדונג מוסדות צו ווערן א פלאץ וואו די AI-קאנצענטרירטע טעכנאלאגיע סטאַרט-אָפּס פון די צוקונפט קענען זיך אנטוויקלען, טרייבנדיג דזשאב וואוקס.

די עמפייר עי איי קאנסארטיום וועט אריינרעכענען זיבן ניו יארק-באזירטע גרונדנדע אינסטיטוציעס: קאלאמביע אוניווערסיטעט, קארנעל אוניווערסיטעט, ניו יארק אוניווערסיטעט, רענסעליער פאליטעקניק אינסטיטוט, די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק, די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק און די Flatiron Institute. דורכן פארמערן די צוזאמענארבעט צווישן ניו יארק סטעיט'ס ערשט-קלאסיגע פארשונג אינסטיטוציעס, וועט Empire AI ערלויבן א ווירקזאמקייט וואס קומט מיט א גרויסע פארנעם וואס וואלט נישט געקענט עררייכט ווערן דורך קיין איין איינצלנע אוניווערסיטעט אליין, עס וועט באפולמעכטיגן און צוציהען די בעסטע לערער און אויסברייטערן בילדונג געלעגנהייט און עס וועט פירן צו א כוואליע פון פאראנטווארטליכע ערפינדונגען וואס וועלן באדייטנד פארשטערקערן אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע און אונזער נאציאנאלע זיכערהייט.

די איניציאטיוו וועט פינאנצירט ווערן דורך איבער 400 מיליאן דאלאר אין רעגירונג און פריוואטע אינוועסטירונג, אריינרעכענענדיג א 250 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינפראסטרוקטורישע גרענט אינוועסטירונג און 25 מיליאן דאלאר איבער צען יאר אין SUNY פינאנצירונג. דער פראיעקט וועט אויך באקומען מער פון 125 מיליאן דאלאר פון די גרונדנדע אינסטיטוציעס און פון אנדערע פריוואטע שותפים, אריינרעכענענדיג די Simons Foundation – וועמען'ס Flatiron Institute ארבעט צו פאראויס שטופן פארשונג דורך קאמפיוטער-רעכענונג שיטות – און טאם סעקונדע, איינער פון די גרינדער פון Bloomberg LP און די Secunda Family Foundation וואס שטעלט צו מיליאנען דאלארן א יאר אין גרענטס פאר אפהיטונג, העלט קעיר, וויסנשאפטליכע פארשריט און אנדערע צוועקן.

ווי אויך, אלץ טייל פונעם בודזשעט, האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו פריאריטיזירן זיכערע, עטישע באנוצן פון AI בשעת די סטעיט טוט ווייטער בויען איר AI פוסטריט. די ביל רעכנט אריין א פאדערונג אז אלע סארטן פאליטישע אינהאלט – אריינרעכענענדיג בילדער, ווידעאוס, אודיאו רעקארדירונגען, ווערטער אדער סיי וועלכע טעכנאלאגישע צורות וואס שפיגלען אפ רייד אדער אויפפירונג – זאל קלאר ארויסגעבן אויב עס נוצט מאטעריאל וואס קען אפנארן.

**גאווערנער האקול'ס אינאוואציע אגענדע**

גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס פירערשאפט אין ארטיפישעל אינטעלידזשענס בויט ארויף אויף איר ברייטערע אגענדע צו אויסברייטערן די אנטוויקלונג פון די פארגעשריטנסטע טעכנאלאגיעס אין די עמפייער סטעיט. גאווערנער האקול האט לעצטנס אנאנסירט אז IBM'o CEO, ארווינד קרישנא, און Girls Who Code'o CEO, דר. טאריקע בארעט וועלן צוזאמען זיין די פארזיצער פון די נייע 'אויפשטייגנדע טעכנאלאגיע אדווייזארי באורד' ( Emerging Technology Advisory Board) — אן אומאפהענגיגע גרופע פון אינדוסטריע פירער באאויפטראגט מיטן אהערשטעלן אינפארמאציע פאר- און פארשנעלערן ניו יארק'ס טראנספארמאציע צו ווערן א צענטער פאר וואוקס און ערפינדונג. די גאווערנער האט שוין אין די פארגאנגענהייט אונטערגעשריבן ניו יארק'ס היסטארישע גרינע טשיפּס געזעץ צו טרייבן סעמי-קאָנדאָקטער פארשונג, אנטוויקלונג און מעניופעקטשורינג אין ניו יארק סטעיט, און זי האט אנאנסירט א 10 ביליאן דאלארדיגע שותפות צו ברענגען פארגעשריטענע טשיפּס פארשונג צו NY CREATES'o Albany NanoTech Complex. די גאווערנער האט פארגעזעצט צו שטופן פאר א 620 מיליאן דאלארדיגע ביאלאגישע וויסנשאפט איניציאטיוו צו שטיצן ערפינדונג אין ביא-מעדיצינישע פארשונג. און דורך סטראטעגישע אינוועסטירונגען ווי די $113.7 מיליאן Battery-NY

אינציאטיוו, האט גאווערנער האקול אריינגעגאסן די ברענשטאף פאר די וואוקס פון די ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגקייט, גרינע טעכנאלאגיע און ענערגיע סטארעדזש עקאנאמיעס אין ניו יארק סטעיט.

די גאווערנער'ס ערפינדונגען אגענדע האט אונטערגעטריבן גרויסארטיגע רעגירונג און פריוואטע אינוועסטירונגען, טראנספארמירנדיג ניו יארק'ס עקאנאמיע און שאפנדיג שיין-באצאלטע דזשאבס פון די צוקונפט. GlobalFoundries האט לעצטנס אנאנסירט אן 11.6$ ביליאן אינוועסטירונג צו אויסברייטערן זייער טשיפ מעניופעקטשורינג קאמפלעקס אין ניו יארק'ס הויפטשטאט ראיאן, שאפנדיג 1,500 דירעקטע דזשאבס און טויזנטער אומדירעקטע דזשאבס. אין 2022 האט Micron אנאנסירט א 20-יעריגע, 100 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו בויען א 'מעגאפעב' קאמפלעקס אין צענטראל ניו יארק, שאפנדיג 50,000 נייע דירעקטע און אומדירעקטע דזשאבס און עפענענדיג הונדערטע מיליאנען דאלארן אין קאמיוניטי בענעפיטן. די גאווערנער'ס ביאלאגישע וויסנשאפט אינציאטיוו האט געהאלפן באפעסטיגן ניו יארק'ס אויסוואהל פאר די 300 מיליאן דאלארדיגע Chan Zuckerberg Biohub New York, א ביא-מעדיצינישע פארשונג צענטער אין ניו יארק סיטי און באדייטנדע אינוועסטירונגען פון Schrödinger, Deerfield Discovery and Development ,Inc. און אנדערע ביאלאגישע וויסנשאפט ביזנעסער. פריער דאס יאר האט די נאציאנאלע וויסנשאפט פאַונדעישען (National Science Foundation) אויך אנאנסירט א 160 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין בינגעהעמטאן אוניווערסיטעט'ס 'נייע ענערגיע ניו יארק' ענערגיע סטארעדזש אויפטרייבונג צענטער (New Energy New York Storage Engine) צו אויפשטעלן א צענטער פאר ערפינדונגען, אריינברענגען טעכנאלאגיע אין באנוץ און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צו פארגרעסערן די קאפאציטעט פון די באטעריע אינדוסטריע אין דאס לאנד.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן